היינט ס׳ . . .

Radomer-Kielcer Leben

1 (241) VI־טער יאָהרגאַנג.

Radom ראַדאָם פרייטאָג

4 Stycznia 1929. כ״ב טבת תרפ״ט.

פּרײַז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja

Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פּרייזן!

אויף ערשטער זייט: פאַר׳ן פּעטיט 20 גר

40 . אין . . .

18 . . .

די פּרייזען פאַר לעצטע נאַכריכטען 8 טאָפּלען

אין טעקסט 4 .

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

א האַרציגען מזל־טוב אונזערע עלטערן
בײַ דער פֿאַרלאָבונג פון זייער ליבע טאָכטער
זין אונזער שוועסטער פֿייגעלע מיט ה׳ דוד שײַנבוים
פיל נחת אונזערע עלטערן און א סך גליק
דעם פֿאַרלאָבטען פּאָרל.
שמואל און שמחה הערץ הילנא

בײַ די פֿאַרלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן, ברודער און שוואָגער
אין פּעטער משה װילבערבערג מיט פֿרל׳ חנה׳לע קאָרמאַן
. . .
זאָל זײַן געבענטשט מיט ליבע און גליק.
טאַטע, אברהם, ברודער און שוועגערין
װילבערבערג מיט די קינדערלעך.

Moniek Zilberberg Anna Korman

**ZARĘCZENI**

w dniu 29 Grudnia 1928.

צו דער פֿאַרלאָבונג פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
שׂרה׳לע גאָלדבערג מיט ה׳ פּיניעל מאָלץ
װינשען מיר פיל גליק און צופרידענהייט, זאָל זײַן זייער גליקליכער
צוקונפטס־וועג מיט בלומען און זונען־שטראַהלען בעציערט.
חיים שלמה גאָלדבערג עם פרוי.

בברכת מז״ט המה הרינו מברכים את חברנו
**י ה ו ד ה צ ו ק ר**
לארושיו את העלמה **ח ו ה ש מ ד ר ה**
יזכה לבנות ביתו בית־נאמן לעמו, תורתו וארצנו.
ועד של ההסתדרות „צעירי מזרחי״ ברדום.

**װיליטשיג** פאַר סוחרים און פאַבריקאַנטען
פון ראַדאָם און אומגעגענד
. . . אין געעפֿנט . . . א קאָנטאָ־קאָרענט װאַרשטאַט
אונטערן נאָמען **„כּוּוָאלַא״** אויף דלוגא 5
דאָס נעמט אָן צו פֿעדערבעטען װאַגען און סטעמפּלען
שנעל אויסגעפֿערטיגט [illegible] מעסיגע פּרייזען.

Z intencji zaręczyn panny
Jadwigi Cweifusówny
z p. Michałem Ferszko
życzy wiele szczęścia
i harmonji dusz.
*Miron Joffe.*

Z intencji zaręczyn
p. Edzi Bojmanówny
z p. Aronem Frydmanem
życzą wiele szczęścia
i wiecznej harmonji.
Sala Królówna
Maks Birenbaum.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער יובילעאום־פײַערונג
מאַכט בעקאַנט, אז דעם היינטיגען שבת־צו נאַכט׳ס דעם 5 ׳ען 1929 אום 8
אָוענד פֿינקטליך װערט געפֿייערט דער צװיי־יעהריגער יובילעאום פון רויה־
שטאַף־קאָאָפּעראַטיװ „סורחיט״ אין ראַדאָם.
אויף דעם **יובילײ־יום־טוב** װערען פֿערבעטען אַלע אונזערע הברים
מיט זייערע פרויען, װעלכע האָבען בעקומען אײַנלאַדונגען און זיך צוגע־
פאַסט צום רעגולאַמין פון די אײַנלאַדונג׳ס־קאַרטען.

## צו די ספּעקולאַנטען.

אזוי װי ביישוויליגע מענשען האָבען אַרויסגעלאָזט קלאַנגען מיט א כיוון
מיר שאַדען צו ברענגען, אז איך האָב געזאָלט מכלומרשט קויפען א האַלב
הויז פון ה׳ מינסקי ערקלער איך אַז דאָס איז א פאַלשטענדיגער ליגענד.
איך האָב גענצליך נישט געהאַט און האָב נישט בדעה צו קויפען א װעל־
כע ס׳איז נחלה.

יוזף סענאַטאָר ראַדאָם.


פֿאַרטרעטער
און פאַבריק לאַגער:
Generalne
Przedstawicielstwo
na woj. Kieleckie
i skład Fabryczny
J. ZYLBER
Radom Długa 5




פֿיינסטע פֿלאַנצען־פּוטער
כשר שיון, פרימא, אגוז,
אמאַדאַר־מנורה־כשר
היגיעניש - נאַרהאַפטיג
בעשאַנגט
מיט 6 גאָלד־מעדאַלען

# די יודען פון דער סילוועסטער-נאכט

(ניי-יאהר-געדאנקען) פון דעפ. ד"ר י. ראזענבלאט.

שוין פון אלטע צייטען בעזיצען יודען א אייגענשאפט איבערצונעמען פרעמדע מנהגים און זיטען און זיי צוצופאסען צום יודישען לעבען. די דאזיגע אייגענשאפט איז ביי די יודען זעהר שטארק ענטוויקעלט פיל שטארקער, ווי ביי אנדערע פעלקער. די נייגונג צו דער עבודה זרה, וועלכע ציהט זיך ווי א רויטער פאדים דורך אונזער געשיכטע, ערקלערט זיך דורכן כאראקטער-שטריך, וועגען וועלכען מיר רעדען. און ווייל מיר זענען אנ'אריענטאליש פאלק מיט א היציגען טעמפעראמענט, דערפיהרען מיר געוויסע אנגענומענע מנהגים ביז צו א פאראדאקס.

דער 31 דעצעמבער פאלט אויס אין טאג פון הייליגען סילוועסטער. ווי ס'איז באקאנט, האט ביי די קריסטען יעדער טאג זיין הייליגען, אט דער טאג פון הייליגען סילוועסטער איז געווארען ביי יודען א זעהר פערברייטערטער יו"ט. מ'קען אהן איבערטרייבונג זאגען, אז אלע עפענטליכע לאקאלען, רעסטאראציעס און קאפע-הייזער, אלע עפענטליכע פערגניגונגען זענען איבערפולט כמעט אויף 90 פראצ. מיט יודישע בעזוכער. און ווען ס'קלינגט אויס 12 אין דער נאכט שרייען הויפטזעכליך יודען אויס: „פראזיט ניי-יאהר!"

דער הייליגער סילוועסטער איז אזוי שטארק אקופירט געווארען פון יודען, אז ער וועט ווארשיינליך מיט דער צייט פולשטענדיג פערשווינדען ביי די קריסטען. צו דער זעלבער צייט פערלירט ראש השנה און דער ראש חודש ניסן זייער היסטארישע בעדייטונג. מ'הערט אינ'ם זעלבען חודש דעצעמבער פון יודען זעהר אפט דעם וואונש „אנגענעהמע פייערטאגע", און דער, וואס גיט נישט שטארק בעגייסטערט פאר דער עבודה זרה, מוז זיך אפט אנשטרענגען צו אריענטירען, וואס אייגענטליך פאר א יום-טוב פאלט אויס אין דעם חודש.

ווען עמיצער וואלט געמיינט, אז אינ'ם דאזיגען נאכמאכען פון פרעמדע זיטען, אינ'ם דאזיגען פייערען פרעמדע יום טובים ליגט עפעס א געדאנק, וואלט ער זיך שטארק טועה געווען. ס'איז איינפאך א העסליכע געוואוינהייט אפצוקאפירען פרעמדע איינריכטונגען און אנטלויפען פון אייגענע. די, וואס מאכען עס, זעהען אין דעם א צייכען פון קולטור, פון פארטשריט. ס'איז א מאנגעל פון זעלבסטבעוואוסטזיין, ס'איז א מיסאכטונג צו זיך זעלבסט.

די דאזיגע כאראקטער-אייגענשאפטען בעמערקט מען הויפטזעכליך ביי די קרייזען פון דער רייך-געווארענער יודישער בורזשואזיע. ארים אין גייסט, ארים אין בילדונג, לויפט מען אוועק אויף אזא אופן פון יודענטום, מ'בענוצט זיך מיט דער כאינקע, אדער מיט'ן הייליגען סילוועסטער אינ'ם גלויבען, אז אויף אזא אופן וועט מען פערדעקען די יודישע אפשטאמונג.

דאס אזוי גערופענע ליטווישע יודענטום איז א מאל געשטאנען אויף א הויכער שטופע. דער גרעסטער טייל יודען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אויף פערשידענע געביטען פון יודישער קונסט, וויסענשאפט און געלערטזאמקייט געהערען צו יענע קרייזען. געוויסע קרייזען פון פוילישען יודענטום האבען בשעתו בעציהען זיך פיינדליך צו די יודען, וואס זענען אהערגעקומען פון רוסלאנד. מ'איז געגאנגען אזוי ווייט אז מ'האט דעם ליטוואק דענונצירט פאר די פאליאקען אלס א רוסיפיקאטאר. ווען מ'קוקט זיך היינט צו ווי גראד אין די קרייזען מאכען וואס אמאל גרעסערע פארטשריטען די אסימילאטארישע טענדענצען, זעהט מען ווי פאלש ס'זענען געווען יענע בעשולדיגונגען. מ'בעגעגענט היינט קרייזען פון יענע יודען, וואס אקצענטירען אויף יעדען טריט און שריט זייער פוילישקייט און שטייען גאנץ ווייט פון די אלע פראגען, וועלכע זענען אקטועל אויף דער יודישער גאס.

די קריגס-גבירים אין פוילען האבען אין א קורצער צייט זיך אנגעשטעקט מיט דער פסיכאלאגיע פון זייערע פארגענגער און בעטראכטען זיך אלס רעפרעזענטאנטען פון יודענטום. בעציהענדיג זיך נעגאטיוו צו די נאציאנאל-יודישע פראבלעמען, ווילען זיי אויסאיבען אנ'איינפלוס אויף די פראגען, וואס בילדען א לעבענס-אינטערעס פאר די יודישע מאסען. זיי פערשטייען נישט, אז פונקט ווי קיינער האט נישט געגלויבט אין זייער רוסיפיקאטארישע „מיסיע" וועלכע איז זיי אפילו אין קאפ נישט איינגעפאלען, פונקט אזוי סקעפטיש בעציהט מען זיך צו זייערע „פאלאניזאטארישע" טענדענצען. דער איינציגער לעבענס-מאטיוו אין די קרייזען הייסט: „איבי פאטריא—אובי בענע" (דארט איז דאס פאטערלאנד וואו ס'איז גוט).


נידער
מיט מאגען-קראנקהייטען
נוצט נור




פרישע
פלאנצען-פוטער
סינאי


די היינטיגע פסעודא-אסימילאציע איז נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי א פולשטענדיגער אינדיפערענטיזם, נישט נאר בנוגע יודישע ענינים, נור צו אלע זאכען בכלל. זי שטעלט מיט זיך פאר א פולשטענדיגע גלייכגילטיגקייט צו אלע זאכען, וואס בערירען נישט דעם אייגענעם אינטערעס. ס'זענען נאך פאר-האן אין פוילען א געוויסע צאהל רייך געווארענע יודען. האט עמיץ געהערט נאכ'ן קריג פון א גרעסערער פונדאציע אפילו פאר וואוילטעטיגע צוועקען? די יודישע עפענטליכע מיינונג מוז אנעמען א געהעריגע שטעלונג צום קליינעם הייפעל מענשען, וועמען ס'איז פרעמד אלעס, וואס איז יודיש. דאס עבודות-געפיהל געגענאיבער דעם רייכען איז א געפיהל פון נידריגער מדרגה, אפילו דעמאלט, ווען דער גביר האט אנ'אפפערוויליגע האנד, ס'ווערט אבער עקעלהאפט פאר די היינטיגע אזוי גערופענע „איבער-שיכטען", וועלכע האלטען ציגעקנעפעלט אויף אלע קנעפלעך די טאשען. די מאדערנע ווינטער-קורארטען (ס'געהערט היינט צום גוטען טאן די „דעצעמבער יום-טובים" צו פערברענגען אין א קוראַרט) זענען פיל מיט יודישע טיפען פון דער סילוועסטער-נאכט. מ'איז זיך דארט משמח און מ'לאזט זיך וואוילגיין. צו דער זעלבער צייט ציטערען פאר פראסט און הונגער טויזענטער מענשען אין די יודישע קווארטאלען. צו דער זעלבער צייט הונגערען יודישע ארבייטער אין א"י און וואגען נישט צוריקצוגיין פונ'ם נאציאנאלען פראנט.

צי וועט מען זיך פערטראכטען אין דער סילוועסטער נאכט אויסשרייענדיג מיט די באקאלען שאמפאניער אין האנד „פראזיט ניי-יאהר", אז אויפ'ן רייכען יוד ליגען נאך מער נאציאנאלע פליכטען, ווי אויף יעדן אנדערען, ווייל דורך איהם און איהם איז מען מקנא און מ'האסט דעם יודישען כלל?

דאס זענען די קללות פון עבודה זרה וועלכע פיהרט דערצו, אז אינם מענש פערשווינדעט זיין איך און דאס גאנצע מענשליכע געפיהל, זי פירט צום אויסטריקענען פון דער יודישער נשמה, אויף וועלכער מיר זענען אזוי שטאלץ. זי פירט צו א צושטאנד פון א ריינעם

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון דער משפחה גרינשפאן

צוליב טויט פון איהר מאן און פאטער

# משה נ. ע.

און מיר דריקען אויס אונזער סימפאטיע איבער דער אבידה

פון אונזער פערשטארבענעם מתפלל.

**די חברה אהבת חברים**

**אין ראדאם.**

---

צוליב דער אבידה פון אונזער פערשטארבענעם השוב'ן מיטגליד

# ה' משה גרינשפאן נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען בעדויערונג און מיטגעפיהל

דער אין טרויער פערבליבענע פרוי און קינדער.

זאָלען זיי געטרייסט זיין און מעהר נישט וויסען פון קיין צער.

**דאמען-באַך-סעקציע**

**ביים שניידער-מייסטער-פעראיין**

**אין ראדאָם.**

---

טיעף געריהרט פון גרויסען צער שטעהען מיר ביים פרישען קבר

פון אונזער לאנג-יעהריגען מיטגליד און חבר

# משה גרינשפאן נ. ע.

וועלכער איז געשטאָרבען אין זיינע מיטעלע יאָהרען.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

דער אין טרויער פערבליבענע פאמיליע.

**שניידער-מייסטער-פעראיין**

**אין ראדאם.**

---

מיר פיהלען מיט דעם גרויסען צער פון אונזער חבר און מיטגליד

# י. מ. ווערבער און פאמיליע

צוליב דעם אומגליק וואָס זיי האָט געטראָפען אין דעם פריהצייטיגען טויט

פון זייער זוהן **דוד**

וועלכער איז אומגעקומען געוואָרען פון דער וועלט אין זיינע בליהענדע יאָהרען.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**אין נאמען פון דער חברה „חיי אדם"**

**מאטיל אפאפאווסקי, משה מאיר פרידמאן,**

**יוסיל שוואַרצבערג, יחיאל גאָלדבערג,**

**ישראל קלינגער.**

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע **ווערבער**

צוליב דעם שווערען פערלוסט פון זייער יונג פערשטאָרבענעם זוהן

# דוד

זאָלען זיי מעהר נישט וויסען פון קיין צער

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**בארענשטיין, מילמאַן, נאמבערסקי** און **פלאמענבוים**

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' **י. מ. ווערבער**

און פאמיליע צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער זוהן און ברודער

# דוד

**פירמע ש. לאנדא עט קאָמפּ.**

**אין ראדאָם.**

---

טיעף ערשיטערט צוליב פריהצייטיגען טויט אין בליהענדע יאָהרען פון

# דוד ווערבער נ"ע

דריק איך אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל די פאמיליע **ווערבער**

**אליעזר פרידמאַן**

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ליבען שעף

ה' אהרן **גאָלדבערג** און זיין פרוי

צום טויט פון זיין שוויגער און מוטער

# מלכה קאדישעוויטש

**דאָס פערסאָנאַל**

פון פירמע **אהרן גאָלדבערג** לובלינער 9

---

Z dniem 4 b. m. uruchomione zostało

# Biuro Próśb

p. f. **„PODANIE"**

**w RADOMIU, przy ul. LUBELSKIEJ 12**

pod kierownictwem wytrawnych sił fachowych.

**Biuro uskutecznia wszelkie podania do sądów, urzędów państwowych i komunalnych.**

**Korespondencja handlowa i przepisywania na maszynie.**

**Ceny b. przystępne.**

---

# דאנקזאגונג

די פערוואלטונג פון יודישען שניידער—מייסטער פעראיין אין קעלץ דריקט אויס איהר טיפסטן דאנק די אַלע פערבעטענע געסט און חברים וואָס האָבען גענומען אַנטייל אין אונזער טראדיציאָנעלען חנוכה—אָווענד און האָבען אונז פערשאפט פיעל פערגעניגען. בעזונדער דאַנקען מיר דעם רעדאקטאָר פון „ראַדאָמער—קעלצער—לעבען" ה' מאיר הערץ פאר זיין בעטייליגען זיך אין אונזער אָווענד. מיר דאַנקען אויך אונזערע חברים העלדען—זינגער ח' איטשע פיאַסעגאורסקע, הערשיל יאקובאָוויטש, הלל יאַקובאָוויטש ווי אויך דעם גאַנצען כאָר פאר זייערע זיסע געזאַנגען, וועלכע האָבען אַלע געסט פיעל נחת רוח פערשאפט. מיר דאַנקען אויך די קאָמיסיע, וואָס האבען איינגעאָרדענט די טעכנישע ארבייט און האָבען בעוויזען צו האַלטען א מוסטערהאַפטען אָרדנונג אויף אונזער חנוכה-אָווענד.

**די פערוואלטונג**

פון יודישען שניידער מייסטער פעראיין אין קעלץ

---

# בעקאַנטמאַכונג.

די לאנג-עקזיסטירענדע פירמע **שטיינבאך אין ראדאָם** האָט דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען די אידישע בעפעלקערונג פון ראדאָם און אומגעגענד, אַז מיין געשעפט איז פריש רעמאָנטירט געוואָרען און איז פערזעהן מיט א **גרויסען אויסוואהל** פון פערשידענע **קאַפעליושען, היטלען** לויט דער לעצטער מאָדע.

אין געשעפט איז פערהאנען א ספעציעלע אָבטיילונג פון **גאלאַנטעריע** פערזעהן מיט אַ **גרויסען אויסוואהל** מענער און **דאמען-וועש** אַלע סאָרטען **זאָקען, סקאַרפעטען** פון די בעסטע פירמעס.

בעזונדערס א גרויסען סאָרטימענט **קראַוואַטען, זיפען** און **פערפומען.**

**אַלעס צו קאָנקורענץ-פרייזען און ביי די בעסטע בעדינגונגען.**

פירמע **שטיינבאך**

ראדאם, לובלינער № 26.

## ראדאמער כראניק

### מאסקען באל פון בית־יתומים

דעם 19טן ה. ח. קומט פאר א מאסקען־באל, פון וועלכן די הכנסה וועט געהן אויפ'ן „בית־יתומים".

די פעראנשטאלטונג האט צוליב איהר וויכטיגען צוועק ארויסגערופען אין שטאדט גרויס פעראינטערעסירונג.

### יאהר־צייט פון מורה הוראה ר' מענדיל וויינגארט ז"ל

היינטיגען זונטאג פאלט אויס די צווייטע יאהר־צייט פון דעם מורה הוראה ר' מענדיל וויינגארט ז"ל.

דער נפטר איז געווען בעוויסט מיט זיין גרויס לומדות און מחבר פון פיל ספרים. א חוץ דעם זענען געבליבען פיל כתבים אין מאנוסקריפט.

### וויכטיגע היילפראדוקציע

די בעוויסטע פירמע א. האך ראדאם לובלינער 3 (פראנט) האט פערגרעסערט דאס געשעפט מיט א ספעציעלען סארט סוכארקעס (Diapaln), הערבאטניקעס, ביסקאפטען, שאקאלאד פאר די וועלכע ליידען אויף צוקער־קרענק. און פאר מאגען־ליידענדע ספעציעל קארלסבאדער סוכארקעס. אלע געבעקס אויס־ארבייטונגען ענטהאלטען אזעלכע כעמישע עלעמענטען, וועלכע זענען אנערקענט געווארען פון דאקטוירים־ספעציאליסטען פאר היילבארע און פאר ראציאנעלע ווירקענדע מיטלען פאר די דערמאנטע ליידענדע.

די זעלבע פירמע האט זיך אויך פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון כצות, מצה־מעהל, וואס ווערט אויסגעארבייט דורך דער פאפולערער און איבעראל בעקאנטער ווארשאווער אויטאמאטישער בעקעריי „ס. בליימאן עט זאהן".

די אלע אריגינעלע שפייז און ערנארונג'ס־ארטיקלען האבען, ווי מען הערט, ארויסגערופען אין שטאדט גרויס אנזעהען.


Od wielu lat już istniejące

# Biuro Próśb

TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych.

KORESPONDENCJA HANDLOWA

i nadal, jak w latach ubiegłych ZAŁATWIĄ

WYKUPYWANIE PATENTÓW NA ROK 1929.


Zgodnie z § 32 Statutu, Związek Kupców ziemi Radomskiej zawiadamia niniejszym swoich członków, że w dniu 16-go Stycznia 1929 r. o godz. 11 przed południem w lokalu Związku (ul. Lubelska 18) odbędzie się Walne Zgromadzenie członków celem dokonania wyboru 1 radcy do Izby Przemysłowo-Handlowej w Sosnowcu. Gdyby o powyższej godzinie wybory nie doszły do skutku, Walne Zgromadzenie będzie prawomocne o godz. 12 w południe tegoż dnia bez względu na ilość obecnych.

Wybory odbędą się w obecności Komisarza Wyborczego względnie wydelegowanego przez niego Członka Głównej Komisji Wyborczej.

**ZARZĄD.**

אין הסכם מיט'ן § 32 פון סטאטוט מאכט דעם סוחרים־פעראיין בעקאנט זיינע מיטגלידער, אז דעם 16 סטיטשען 1929 11 פריה קומט פאר אין לאקאל פון סוחרים־פעראיין (לובלינער 18) א אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער בכדי דורכפיהרן די וואהלן פון 1 ראטגעבער צו די אינדוסטריע האנדעלס־קאמער אין סאסנאוויץ. אין פאל ווען אין בעשטימטען טערמין וועלען די וואהלען נישט צושטאנד קומען, וועט די אלגעמיינע פערזאמלונג פארקומען 12 א זייגער דעם זעלבען טאג און זיין גילטיג אהן אונטערשיעד פון דער צאהל אנוועזענדע. די וואהלען וועלען פארקומען אין אנוועזענהייט פון וואהל־קאמיסאר, עווענטועל דורך זיינעם א דעלעגירטען מיטגליד פון דער הויפט וואהל קאמיסיע,

**די פערוואלטונג**


Fabryka mydła i świec

**MAJDE i S-ka**

**REWOLWER** Warszawa, ul. Okopowa 16.

די פערטרעטונג אויף ראדאם, שידלאוויעץ, סקארזשיסקא, סקארישעוו, א. אנד. האט די פירמע איבערגעגעבען דעם ה' קאפליער ראדאם, לובלינער 25. מיט בעשטעלונגען ביטע זיך צו ווענדען צו אונזער פערטרעטער ה' קאפליער.



# Kino Teatr „CORSO" w Radomiu.

**Iwan Petrowicz**

— Jako —

Lekarz chorób kobiecych

# JAWNOGRZESZNICA

A. Petersen-Możuchinowa

— Jako —

Jawnogrzesznica

oraz **Ewalina Holt**


## בעקאנטמאכונג

זייענדיג דורכגעדרונגען מיט די נויטען און ליידען, וואס עס הערשט אין דער היגער תלמוד־תורה, האבען די עלטערן, וועמענס קינדער עס לערנען דארט, געפונען פאר נויטיג, אז מיר מוזען זיך שטעלען פאר א הייליגען ציעל ארויסצופיהרען די ת"ת פון דער קריטישער לאגע. צו דעם צוועק האבען מיר, עלטערן, צוזאמענגערופען א אלגעמיינע פערזאמלונג, וואו ס'איז אויסגעקליבען געווארען א עלטערן־קאמיטעט, וועלכער איז צוקאאפטירט געווארען צום קאמיטעט פון דער ת"ת.

דער עלטערן־קאמיטעט בעשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען: מענדיל ראפמאן (פרעזעס), מתית בערמיינסקי (סעקרעטאר), יאנקעל שטעלמאן, טובי' גוטמאן, יואל מאלאך, יוסיל שוכהענדלער, אברהם ווייצמאן, ישראל יודעל גאלדבערג, ראובן האבערמאן, הירש בער מיידאן, נה"ח זוקער, גרשון גוטמאן.


**עס ווערט געזוכט**

**א צימער**

אין צענטער שטאדט

פאר א חודש'ליכען אבצאהל.

אפערטען קען מען אבגעבען אין רעדאקציע פאר מ. ר.



**א גוטער**

**העברעאישער לעהרער**

זוכט לעקציעס אויף שעה'ן

פאר מעסיגע פרייזען.

אפערטען אין רעדאקציע פאר נ.



*Kino „Nowe Czary" Teatr*

פון היינט אן דאס הערליכע מזרח־בילד

**Synowie Sahary**

נאדפראגראם: נאדפראגראם:

Awanturnica mimowoli

Bebe Daniels אין הויפט ראל

Anons: Anons:

פון מאנטאג און ווייטער

*Tajny Kurjer z Możuchinem*



*Kino „CORSO" Teatr*

**Od środy 9 stycznia r. b.**

Dawno oczekiwany przebojowy obraz p. t.

# Jawnogrzesznica

Lekarz chorób kobiecych

W rolach głównych:

*Iwan Petrowicz, Ewalina Holt*

*A. Petersen-Możuchinowa*

**Jako jawnogrzesznica**



*Kino „ODEON" Teatr*

**Od 8 stycznia r. b.**

Jeden z pierwszorzędnych, najlepszych obrazów sezonu pod tytułem

# Prawo Kobiecego Serca

**(Serce nie sługa)**

Film wykonany po mistrzowsku, Film, przepiękny, nadzwyczaj subtelnie opracowany.

— W roli głównej prześliczna BILI DOV. —


Redaktor i Wydawca Ch. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Szwarlikowska 20